# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת וארא, מברכים חודש שבט, כ"ח טבת, שנת תשפ"ו לפ"ק
שנה 15, גליון 16 (734)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:37
מוצאי שבת קודש............6:08

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................איוב כ"ט
בבלי.........................מנחות ו'
ירושלמי.....................נזיר מ"ד
תוספתא.....................ידים ב'
רמב"ם.........................אבל י'

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ לְמָחָר יִהְיֶה הָאוֹת הַזֶּה, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים בְּרֶענְגְט אַ מְסוֹרָה, נָאךְ צְוֵויי פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס שְׁטֵייט דֶער וָוארְט "פְּדוּת", **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ** (תְּהִלִּים קי"א, ט'), **וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת** (תְּהִלִּים ק"ל, ז').

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ח), עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ סָארְט תּוֹרוֹת; עֶס זֶענֶען דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, אוּן עֶס זֶענֶען דָא תּוֹרוֹת וָואס מֶען טָאר נִישְׁט שְׁרַייבְּן, אוּן וֶוער עֶס וֵוייסְט דִי חִילוּק וֶועלְכֶע תּוֹרָה מֶען מֶעג שְׁרַייבְּן, דֶער קֶען דֶערְקֶענֶען אַ אִיד צְוִוישְׁן גוֹיִם. לוֹיט וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מוּבָא בְּתוֹסְפוֹת גִיטִין ס: ד"ה אתמוה), "פַאַרְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אוֹיף אוֹיסְנְוֶוייניג, אַז דִי גוֹיִם זָאלְן עֶס נִישְׁט קֶענֶען נֶעמֶען פַאר זִיךְ", זֶעט מֶען אַז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָואס מֶען הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן, מִיט דֶעם אִיז דֶער אִיד הֶעכֶער פוּנֶעם גוֹי.

מוֹהֲרָא"ש אִיז דָאס מֶער מַסְבִּיר אַז דִי עִיקָר חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וַוייל פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין קֶען מֶען גָארְנִישְׁט וִויסְן, וִוי לְמָשָׁל דִי מִצְוָה פוּן תְּפִילִין, קֶען מֶען פוּן דִי תּוֹרָה אַלֵיין נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, נָאר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים וָואס הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערְן בִּיז אַרוֹיף צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וִוי אַזוֹי עֶס מְקַיֵּים צוּ זַיין, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער עִיקָר פוּן אַ אִיד אִיז דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד זֵייעֶר בַּאפְלַייסְן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, וָואס דָאס אִיז דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, פּוֹסְקִים אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

סְפֶּעצִיעֶל דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, וָואס דָאס הֵיילִיגְט אוּן רֵיינִיגְט דִי נְשָׁמָה, "מִשְׁנָה" אִיז דִי אוֹתִיוֹת "נְשָׁמָה", וִוי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט עֶס גֶעלְט וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מ"ג, י"ב) "כֶּסֶף מִשְׁנֶה", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּנְחָס'ל קָארִיצֶער זי"ע זָאגְט אַז "מִשְׁנָה" אִיז בְּגִימַטְרִיָּא "פַּרְנָסָה", עֶס בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (וַיִּקְרָא רַבָּה, פַּרְשָׁה ז', סִימָן ג') אַז דִי אִידְן וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת נָאר אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וְשַׂמְתִּי פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ, זָאגְט רַשִׁ"י, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מַאכְן אַן אָפְּשֵׁיידוּנְג צְוִוישְׁן דִי אִידְן אוּן דִי גוֹיִם, וָואס דָאס וֶוערְט דָאךְ דוּרְךְ תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה, אָבֶער דָאס וָוארְט "פְדֻת" שְׁטֵייט דָא אָן דֶעם אוֹת ו', דֶער אוֹת ו' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף מִשְׁנַיוֹת, וָואס אִיז שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה; הַיינְטִיגֶע צַייטְן פֶּעלְט נָאךְ דֶער אוֹת ו', וַוייל הַיינְט קוּקְט מֶען נָאךְ אַרָאפּ אֵיינֶעם וָואס זָאגְט מִשְׁנַיוֹת. דֶער פָּסוּק זָאגְט אָבֶער, לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה, בַּאלְד, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, וֶועט שׁוֹין זַיין דֶער אוֹת ו', וַוייל מָשִׁיחַ וֶועט נָאר קוּמֶען אִין זְכוּת פוּן מִשְׁנַיוֹת, אוּן דַאן וֶועט מֶען שׁוֹין אַרוֹיפְקוּקְן אוּן מַחְשִׁיב זַיין מִשְׁנַיוֹת.

אוּן דַאן וֶועט שׁוֹין זַיין דִי אַנְדֶערֶע צְוֵויי פְּסוּקִים, **פְּדוּת שָׁלַח לְעַמּוֹ, וְהַרְבֵּה עִמּוֹ פְדוּת**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוֹיסְלֵייזְן דִי אִידְן, וַוייל מֶען וֶועט לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט דָארְט "פְּדוּת" מִיט דֶעם אוֹת ו'.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית וָאֵרָא תשס"ט)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### פָּשׁוּטֶע זַאכְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פ"ו) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ו, ט) "וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבוֹדָה קָשָׁה", אַז דִי סִיבָּה פַארְוָואס מֶענְטְשְׁן הֶערְן זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּם צַדִיק, אִיז וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין רִיכְטִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה. אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט טַאקֶע אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער אוּן שְׁטֶערְקְסְטֶער אוּן נָאר עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, גְלֵייבְּט אָבֶער נִישְׁט דֶער מֶענְטְשׁ אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב, אוּן דָאס דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאהַאלְט זִיךְ זֵייעֶר וַוייט אוֹיבְן אִין הִימְל, אוּן אוֹיבּ וִויל מֶען וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מוּז מֶען טוּן עֶפֶּעס גָאר סְפֶּעצִיעֶלֶע זַאכְן, מֶען מוּז זִיךְ אוֹיסְפַּיינִיגְן דֶעם גוּף, אוּן פַאסְטְן, אוּן טוּן שְׁוֶוערֶע

<<<<<<

## א גוט ווארט

שְׁרֵייא נִישְׁט אוֹיף דַיין וַוייבּ, רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר, אוּן אַז זִי אִיז דִיךְ מְבַזֶּה זָאלְסְטוּ חַס וְחָלִילָה עֶנְטְפֶערְן, אוּן חַס וְחָלִילָה הַאלְטְן אַ רוּגְזָה; מַאךְ דֶעם רֶבִּינְ'ס תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם מִיט שְׁוַוייגְן, מִיט "יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדוֹם וְיִשְׁתּוֹק", דָאס אִיז אַ שְׁוֶוערֶערֶע תִּיקוּן וִוי פַאסְטְן מִשַּׁבָּת לַשַּׁבָּת; וֶוען מֶען הֶערְט אַ בִּזָּיוֹן אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, מֶען הָאט לִיבּ דִי וַוייבּ אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר, מֶען מַאכְט נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דֶעם. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ו), אַז דֶער עִיקָר פוּן תְּשׁוּבָה אִיז שְׁוַוייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, דָאס אִיז בְּעִיקָר אִין שְׁטוּבּ וֶוען מֶען זָאגְט אוּן מֶען הֵייסְט אוּן מֶען פַארְלַאנְגְט וְכוּ' וְכוּ' - נִישְׁט צוּ וֶוערְן פַארְלוֹירְן, נָאר שֵׁיין רֶעדְן צוּ דִי וַוייבּ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי חָשׁוּבְ'סְטֶער מֶענְטְשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ו)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אַרוֹיסְנֶעמֶען פְּחָדִים

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, י"ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

קֶענְסְט נֶעמֶען דַיין קִינְד צוּ מוּמְחִים אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי פְּחָדִים, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין צוּ מוּמְחִים וָואס קֶענֶען הֶעלְפְן אַרוֹיסְנֶעמֶען פְּחָדִים.

דֶער עִיקָר וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע פְּחָדִים פוּן זִיךְ אָדֶער פוּן קִינְדֶער - אִיז דוּרְךְ שִׂמְחָה אוּן אֱמוּנָה; נָאר דָאס הֵיילְט אוּן נָאר דָאס פַארְטְרַייבְּט דִי אוּמְזִיסְטֶע אוּן אִיבֶּערְגֶעטְרִיבֶּענֶע שְׁרֶעק, דוּרְךְ שִׂמְחָה אוּן דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן גֶעזוּנְט.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען סִפְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, סַיי דִי בְּרִיוו פוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל אוּן בִּפְרַט דִי שׁוּ"ת בְּרֶסְלֶב, וֶועסְטוּ זֶען אַז רוֹב פוּן דִי שְׁאֵלוֹת עֶנְטְפֶערְט מוֹהֲרָא"שׁ אַז דֶער עִיקָר פוּן דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, אַז דוּ וָואלְסְט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ וָואלְט דֶער פְּרָאבְּלֶעם אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זִיךְ דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, "וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה", אַלֶע מַחֲלוֹת אוּן קְרֶענְק וָואס קוּמֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאר צוּלִיבּ עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הוּא רְפוּאָה גְּדוֹלָה", אוֹיךְ דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען מוֹדֶה אַז אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן קְרֶענְק קוּמֶען פוּן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן שִׂמְחָה אִיז אַ רְפוּאָה פַאר אַלֶע קְרֶענְק; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילִיךְ נֶעמְט עֶר אַוֶועק פוּן זִיךְ אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים.

דָאס זָאלְסְטוּ קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן, אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן אִים; וַוייל אַז מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט דִי סָארְט מַחְשָׁבוֹת וֶוערְן זֵיי נָאר עֶרְגֶער אוּן גְרֶעסֶער, אַז דַיין זוּן הָאט אַ פַּחַד פוּן זַיין צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן זַייט דִי טְרַאגֶעדְיֶע פוּן מִירוֹן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ וואוּ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶע זַאךְ דֶערְשְׁרֶעקְט אִים, אוּן אַז מֶען אִיז גֶעפָארְן אִין אַ נֶעפְּל, זַייט דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַ שְׁרֶעק פוּן פָארְן - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן, נָאר חַזֵּר אֱמוּנָה אוּן בְּרֶענְג אַרַיין שִׂמְחָה, אוּן מִיט דֶער צַייט וֶועט דָאס אַוֶועק גֵיין.

נָאכְמָאל, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ גֵיין זִיךְ מְטַפֵּל זַיין מִיט דֶעם, אִיךְ זָאג נָאר אַז מִיטְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן מִיט תְּפִילָּה אוּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת זֶעט מֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים, אַלֶע פְּחָדִים גֵייעֶן אַוֶועק אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ו)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

עֲבוֹדוֹת, אוּן נָאר דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הַנָּאָה הָאבְּן פוּן אִים. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר וֶועט נָאר טוּן פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים.

דָאס אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אוּן אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דָאס אִיז אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר טוֹב אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט שְׁוֶוערֶע זַאכְן, אִיז עֶס אָבֶּער בֶּאֱמֶת נָאר אַן עֵצָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע.

וַוייל רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען נִישְׁט טוּן קַיין שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט אִים אַיין אַז דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דָאס נִישְׁט הָאבְּן; מִיט דֶעם וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ צוּבְּרָאכְן, אוּן עֶר בַּאשְׁלִיסְט אַז עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט קַיין וֶועג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר גֶעבְּט אַלֶעס אוֹיף.

דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אָבֶּער אוֹיס פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז דַוְקָא דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דָאס וָואס זֶעט אוֹיס אִין דִי אוֹיגְן פוּן מֶענְטְשְׁן וִוי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, דַוְקָא דָאס בְּרֶענְגְט אַ אִיד נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן וֶוען אַ אִיד זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי פָּשׁוּטֶע מִצְוֹת וָואס עֶר טוּט סַיי וִוי יֶעדְן טָאג, וֶועט דָאס אִים בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד כַאפְּט נִישְׁט אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט בְּלוֹיז טוּן דִי פָּשׁוּטֶע הֲלָכוֹת פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶר וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי אוּן זִיךְ וַואשְׁן נֶעגְל וַואסֶער, עֶר וֶועט קַיין דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל מִיט מִנְיָן, עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תּוֹרָה, עֶר וֶועט הַאנְדְלֶען עֶרְלִיךְ אוּן נִישְׁט אוֹיסְנַארְן קַיין מֶענְטְשְׁן; דִי אַלֶע זַאכְן וָואס יֶעדֶער פָּשׁוּטֶער אִיד טוּט, דַוְקָא דָאס אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי פָּשׁוּטֶע זַאכְן וֶועלְן זִיךְ הַאלְטְן בַּיי אִים פַאר אֵייבִּיג, וַוייל דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג מְקַיֵּים זַיין. ווִידֶערְאוּם דִי שְׁוֶוערֶע אוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן, דָאס וֶועט נִישְׁט בְּלַייבְּן, וַוייל דָאס זֶענֶען נִישְׁט זַאכְן וָואס קֶענֶען אָנְהַאלְטְן פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ד:) אַז אֵיינֶער וָואס שְׁרֵייט הוֹיךְ בַּיים דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין אֱמוּנָה אִיז שְׁוַואךְ. וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ וָואס שְׁרַייט הוֹיךְ, מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי וַוייט הוֹיךְ אִין הִימְל, אַז נָאר אוֹיבּ מֶען וֶועט זֵייעֶר הוֹיךְ שְׁרַייעֶן וֶועט עֶר הֶערְן. עֶר כַאפְּט אָבֶּער נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֵייט הַארְט נֶעבְּן אִים, אוּן הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין מוֹיל, אוּן אֲפִילוּ וֶוען דָאס וֶוערְט גֶעזָאגְט זֵייעֶר שְׁטִיל.

חֲזַ"ל זָאגְן אַז וֶוער עֶס עֶנְטְפֶערְט הוֹיךְ "אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא" צוּרַייסְט מֶען אִים דִי גְּזַר דִין פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר. זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי אַזַא קְלֵיינִיקַייט וִוי עֶנְטְפֶערְן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא הָאט אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ צוּ רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ'ס לֶעבְּן פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

נָאךְ אַ קְלֵיינֶע מִצְוָה אִיז דָא וָואס יֶעדֶער קֶען מְקַיֵּים זַיין, דָאס אִיז דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה. בַּיי דֶעם מֵיינֶען אוֹיךְ מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה נָאר אוֹיבּ מֶען גֶעבְּט גָאר גְרוֹיסֶע סוּמֶעס גֶעלְט פַאר צְדָקָה. אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּפְרִידְן אוֹיךְ מִיט אַ פֶּענִי. יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס אַ אִיד גֶעבְּט פַאר צְדָקָה דֶערְנֶענְטֶערְט אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דֶער אֱמֶת אִיז אַז עֶס גֵייט נָאךְ וַוייטֶער, מֶען קֶען טוּן דִי מִצְוָה פוּן צְדָקָה אֲפִילוּ אָן קַיין אֵיין פְּרוּטָה, בְּלוֹיז מִיטְ'ן גֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן אַ גוּט וָוארְט פַאר אַ צְוֵוייטְן אִיד, הָאט מֶען שׁוֹין גֶעטוּן אַ גְרוֹיסֶע צְדָקָה. אַזוֹי וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתֻבּוֹת קי"א:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, יב) "וּלְבֶן שִׁנַּיִם מֵחָלָב", אַז עֶס אִיז חָשׁוּב'עֶר צוּ וַוייס מַאכְן דִי צֵיינֶער פוּן יֶענֶעם, דָאס מֵיינְט צוּ מַאכְן יֶענֶעם פְרֵיילִיךְ, מֶער פוּן וִוי צוּ גֶעבְּן יֶענֶעם צוּ טְרִינְקֶען מִילְךְ.

מִיר דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען אַז דִי קְלֵיינִיקַייטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. דַוְקָא דִי פָּשׁוּטֶע קְלֵיינֶע מִצְוֹת, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט אוּנְז דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוּנְז מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית פַּרְשַׁת וָאֵרָא תשע"ה לפ"ק)

## לֶעבְּנְסגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי'ן (רלו)

**תשפט**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אוּן אִין כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל מֶעג מֶען מְחַדֵשׁ זַיין חִידוּשִׁים, מֶען זָאל נָאר נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם אַ נַייעֶ הֲלָכָה.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע אוּן עֶרְלִיכֶע כֹּחַ הַמְדַמֶּה", נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיר קֶענֶען מַשִׂיג זַיין מִיט אֵייעֶר כֹּחַ הַמְדַמֶּה וָואס אִיךְ קֶען מַשִׂיג זַיין מִיטְ'ן שֵׂכֶל".

ווֹאוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ פַארְטִיפְן אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, בִּיז עֶר וֶועט מְחַדֵשׁ זַיין דֶערִין חִידוּשֵׁי תּוֹרָה.

**תשצ**

פוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג, פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֵיין אִינְדְרוֹיסְן שְׁפַּאצִירְן צוּ שֶׁעפְּן פְרִישֶׁע לוּפְט פַאר זַיין גֶעזוּנְט, אוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן מִיטְגֵיין מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֵיין זֵייעֶר שְׁטַייט, צוּלִיבּ זַיין גְרוֹיס שְׁוַואכְקֵייט, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט עֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע לִיכְטִיגֶע הֵיילִיגְן שְׁמוּעֶסְן.

סְפֶּעצִיעֶל פוּן וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם גֶעדְרוּקְטְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אִין אָנְהוֹיבּ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אִיז דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן כִּמְעַט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג בִּיז רֹאשׁ הַשָׁנָה.

דִי שְׁפַּאצִיר פְלֶעגְט נֶעמְט אַסַאךְ שָׁעוֹת יֶעדְן טָאג, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר, אוּן פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אַסַאךְ צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר.

**תשצא**

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער, אִין בַּאגְלֵייטוּנְג פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִינְמִיטְן וֶועג אִיז דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן אוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין וַוייטֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַרָאפְּגֶעזֶעצְט בַּיים וַואנְט פוּנֶעם גְרוֹיסְן שׁוּל אוֹיף דָרוֹם זַייט, אוֹיף אַ גְרוֹיס שְׁטִיק הָאלְץ וָואס אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַלְס חֵלֶק פוּנֶעם פוּנְדַאמֶענְט.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ אַסַאךְ מָאל אַרָאפְּזֶעצְן דָארְט, צוּמָאל אוֹיף דָרוֹם זַייט, אוּן צוּמָאל אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע דְרֵיי זַייטְן, אוּן צוּמָאל אִינֶעם הוֹיף פוּנֶעם גְרוֹיסְן שְׁטָאטִישְׁן שׁוּל, אוֹיךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּמָאל גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן בַּיים בַּארְג נֶעבְּן דִי שְׁטָאט, אוּן צוּמָאל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אַהִין אוּן אַהֶער פָארְנְט פוּן דִי שׁוּל; אוּן אוֹיף דִי אַלֶע פְלֶעצֶער הָאט מֶען אַלְץ גֶעהֶערְט גָאר גֶעוַואלְדִיגֶע חִידוּשִׁים, הֵיילִיגֶע פָארְכְטִיגֶע שְׁמוּעֶסְן, וָואס מֶען הָאט שׁוֹין גֶעהֶערְט פַאר לַאנְגֶע יָארְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# קֶען אִיךְ נָאךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הֶער צוּ דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק, אִיךְ ווִיל אָבֶער בֶּעטְן סְפֶּעצִיעֶל חִיזוּק פַאר מִיר.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט קֵיין אַנְדֶערֶע בְּרֵירָה, אִיךְ דַארְף ווִיכְטִיג הִילְף. דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין מִיר, אִיךְ פַאל אַסַאךְ אַרָאפּ אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן, אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָבֶער עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר נָאכְאַמָאל אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, אִיךְ ווִיל נִישְׁט פַאלְן מִיר, אִיךְ ווִיל זַיין אַ פָּשׁוּטֶער עֶרְלִיכֶער אִיד. בָּרוּךְ ה' אַז אִין זְכוּת פוּן דִי שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאג אִיךְ ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַ דַף גְמָרָא יֶעדְן טָאג שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט, אִיךְ שְׁפִּיר אָבֶער אַז אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין.

אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ פַאלְשֶׁער מֶענְטְשׁ, מֶען קוּקְט מִיךְ אָן וִוי אַ חָשׁוּבֶער בָּחוּר, וִוי אַ מְצוּיָן, אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ אַלֵיין ווֵייס אָבֶער דֶעם אֱמֶת, פוּן אִינֶעוֵוייניג בִּין אִיךְ דוּרְכְגֶעפוֹילְט, וִוי לַאנְג נָאךְ וֶועל אִיךְ זִיךְ מוּטְשֶׁען אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע יָארְן מִיט נַארִישְׁקֵייטְן? וָואס קֶען שׁוֹין וֶוערְן פוּן מִיר, נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן? עֶס רִינֶען טְרֶערְן פוּן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אִין כַּף הַקֶלַע, מֶען וַוארְפְט מִיר פוּן אֵיין עֶק וֶועלְט צוּם אַנְדֶערְן, אֵיין מִינוּט ווִיל אִיךְ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג אוּן דִי אַנְדֶערֶע מִינוּט בִּין אִיךְ פוּנְקְט דָאס פַארְקֶערְטֶע, אִיךְ פַאל אִין טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי חִיזוּק בִּיז אַהֶער, אוּן אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר עֶנְטְפֶערְן אוּן מְחַזֵק זַיין אוֹיף וַוייטֶער, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען אוֹיךְ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר מִיר.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, ט"ו טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת כְּסִדְרָן, הֵייבּ אָן פוּן אָנְהֵייבּ אוּן זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת בִּיז דוּ בִּיסְט מְסַיֵים שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אוּן נָאכְדֶעם הֵייבּ אָן נָאכְאַמָאל, אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶע דַיינֶע טֶעג. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): **"נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה"**, אִיךְ גְלוּסְט זֵייעֶר אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן זָאלְן טוּן לְמַעֲשֶׂה אִין עֲבוֹדַת הַשֵׁם, **"שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבוֹר וְכַיּוֹצֵא"**, אַז אַלֶע זָאלְן הָאבְּן אַ סֵדֶר יֶעדְן טָאג צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אַ בַּאשְׁטִימְטְקֵייט, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן דִי עֵצָה אַז אוֹיבּ מֶען מַאכְט אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען כָּךְ וְכָךְ קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי בְּלָאטֶע, פוּן דִי טוּמְאָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעמֵיינְט דִי לִימוּד פוּן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אַז דֶער וָואס וֶועט זָאגְן יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת וֶועט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁנָיוֹת - אִים מַאכְן פַאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר וֶועט אָפְּלָאזְן דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, הַאלְט אָן דָאס זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. אוּן אַז דוּ זֶעסְט וִוי דוּ פַאלְסְט צוּרִיק, דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ בִּיסְט אִין כַּף הַקֶלַע, אֵיין מִינוּט ווִילְסְטוּ זַיין גוּט אוּן דִי צְוֵוייטֶע מִינוּט פַאלְסְטוּ אִין דִי טוּמְאָה, אִין דִי בְּלָאטֶע - זָאלְסְטוּ אָבֶער גְלֵייבְּן אִין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, אַז: **"אֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן"**, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, **"אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי**

<<<<<<

<<<<<< שו"ת ברסלב

הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג "כַּךְ וְכַךְ", וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זוּכְן אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ אוּן דָארְט זָאלְסְטוּ גֵיין אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ אִים, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וִידּוּי דְבָרִים, דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, אוּן אִים זָאגְן אַז מֶען הָאט חֲרָטָה, מֶען ווִיל נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן. דֶער רַמְבַּ"ם פַּסְקֶ'נְט (פֶּרֶק א' מֵהִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, הֲלָכָה א), וֶוען מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט אוּן מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן זָאל מֶען זָאגְן: "**אָנָּא הַשֵּׁם חָטָאתִי עָוִיתִי פָּשַׁעְתִּי לְפָנֶיךָ וְעָשִׂיתִי כָּךְ וָכָךְ, וַהֲרֵי נִחַמְתִּי וּבוֹשְׁתִּי בְּמַעֲשַׂי וּלְעוֹלָם אֵינִי חוֹזֵר לְדָבָר זֶה**", אִיךְ בֶּעט דִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט פַאר דִיר, אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דִי אוּן דִי עֲבֵירָה אוּן אִיךְ הָאבּ חֲרָטָה אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ מִיט מַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן אִיךְ נֶעם זִיךְ פָאר אַז אִיךְ גֵיי עֶס מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט טוּן. דָאס אִיז וִידּוּי, "**וְכָל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַדּוֹת וּמַאֲרִיךְ בְּעִנְיָן זֶה הֲרֵי זֶה מְשֻׁבָּח**", אוּן וֶוער עֶס פַארְמֶערְט זִיךְ צוּ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אִיז גֶעלוֹיבְּט.

טַייעֶרֶער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, בְּלַייבּ שְׁטַארְק, קוּם צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט וִוי מֶען וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ זָאלְסְטוּ נָאכְאַמָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים, וַוייל תְּשׁוּבָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ זָאל טוּן אָן אַ שִׁיעוּר עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ קֶערְט עֶר זִיךְ צוּרִיק, עֶר זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן", דֶעמָאלְט אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל; וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ וִוילְסְט פַארֶערְכְטְן דַיינֶע מַעֲשִׂים, דוּ ווִילְסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט**
**הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ו)

# פרישע ליניעס צוגעלייגט צו "קול ברסלב"

מען דארף נישט זאגן פאר קיינעם וואס "קול ברסלב" איז, "קול ברסלב" איז פון די מערסט צוגעהערטע טעלעפאנס ליניעס ביים היימישן ציבור. די האטליין איז געעפנט געווארן מיט איבער צוואנציג יאר צוריק דורך תלמידים פון מוהרא"ש ז"ע, צוערשט מיט'ן ציל צו קענען מיטהאלטן הוק אפס פון מוהרא"ש'ס שיעורים פאר ווער עס איז נישט אנגעקומען. אביסל שפעטער האט מען צוגעלייגט א רעקארדירונג איבערצוהערן דעם לעצטן שיעור. דאן פלעגט די ליין האבן גאנצע 2 קנעפלעך: 1 פאר "לייוו הוק אפ", און 2 צו "הערן די לעצטע שיעור". מוהרא"ש ז"ע פלעגט ווארטן ביי די שיעורים און זיכער געמאכט אז דער הוק אפ טעלעפאן איז אנגעצינדן בעפאר ער האט אנגעהויבן דעם שיעור, אז יעדער זאל קענען מיטהאלטן.

צוביסלעך איז צוגעקומען מער און מער קנעפלעך, עס איז געווארן אויסגעשטעלט אויף א וועג צו קענען הערן די שיעורים איינגעטיילט לויט די פרשיות און ימים טובים, און דערנאך האט מען האט אנגעהויבן ארויפלייגן די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א. די טעלעפאן ליניע איז היינט צו טאגס א צווייג אינעם געוואלדיגע הפצה פאבריק "קרן הדפסה היכל הקודש" וואס איז די אדרעס פאר יעדע סארט הפצה וואס איז שייך.

די ליניע איז גאר שטארק פארשפרייט געווארן איבער די וועלט ביי אידישע קינדער, וואס טרעפן דארט א ריין און הייליג ווינקל זיך צו שטארקן און שעפן חיות פון דעם ליכטיגן קוואל פון הייליגן רבי'ן, וואס געבט לעבן פאר די גאנצע וועלט. עס זענען דא גאר אסאך אפציעס און קנעפלעך וואס מ'קען הערן. און יעדער קען טרעפן עפעס וואס רעדט צו אים, א קנעפל וואס דערמאנט אים אז דער אויבערשטער איז מיט אים, א שיעור וואס וועקט אים אויף פון שלאף.

צווישן די גאר פאפולערע קנעפלעך געפינען זיך: צום אלעס ערשט די ברייט באקאנטע שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס פון יעדע שיעור אליין קען מען זיין אן ערליכער איד פאר'ן גאנצן לעבן, טעגליכע קורצע שטיקלעך חיזוק ארויסגענומען פון די שיעורים, עניני דיומא, שיעורי תורה (שיעורים אין ש"ס, משניות, נ"ך, ירושלמי, רמב"ם, שו"ע, ליקוטי מוהר"ן, הלכה, ספר המידות), שמועסן און אנאליזן (פערזענליכע מעשיות פון הפצה און תפלה, אינהאלטסרייכע אינטערוויוס, חמין במוצאי שבת פראגראם, וואס טוט זיך אין חדר, א בליק מיט די ברסלב'ע ברידער, שבתים ביים ראש ישיבה, הנהלה אפדעיטס, קרעמל, און נאך), קינדער ווינקל (קינדער רייד, טעגליכע מעשה, סיפורי צדיקים, מעשיות פון תפלה, מעשיות מיט ניגונים, מעשיות מיט ספר המדות, ימים טובים, קרית ברסלב בלעטל, לאנטש אין חדר, אומאן פראגראם), היכל נגינה (מוזיק אלבומס, גראמען, לעבעדיגע ניגונים, נוסח התפלה, ספירה ניגונים), מיטזאגן ובלכתך בדרך (תהלים, משניות, ש"ס, און נאך), און נאך פיל.

מען הערט ב"ה כסדר צוריק גאר גוטע גריסן פון אידן פון איבער די גאנצע וועלט, וועלכע לאזן איבער מעסעדזשעס ווי זיי זענען זיך מחיה מיט די שיעורים, און ווי עס האט זיי געשטעלט אויף די פיס. אבער צוליב די גרויסע נאכפראגע פון אזויפיל טויזנטער אריינפירער, האט זיך געקענט מאכן די לעצטע צייט אז ווען מען האט אריינגערופן האט מען באקומען א מעסעדזש אז די ליניע האט דערגרייכט די מאקסימום מאס פון וויפיל עס קענען אריינרופן אויף איינמאל. בפרט האט זיך עס געמאכט ליל שישי ווען הונדערטער אידן ווילן אויסהערן די לייוו הוק אפ שיעור פון ראש ישיבה שליט"א אין די זעלבע צייט.

דערפאר האט די קרן הדפסה באשלאסן אויסצוברייטערן דעם ליין, און צוגעקויפט גאר אסאך פרישע ליינס. מען האט פארברייטערט די צאל ליניעס מיט פינף און צוואנציג פראצענט. מ'האפט אבער מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף אז ס'זאל "נישט" זיין גענוג, און מען זאל גאר שנעל זען אז מען קען שוין ווייטער נישט צוקומען, און דאן וועט מען מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צולייגן פרישע ליינס, וויפיל עס וועט אויספעלן.

דער אייבערשטער וועט העלפן אז אלע וואס האבן א חלק אין מחזק זיין אידישע קינדער, זיי דערמאנען אז אויך זיי קענען תשובה טון, וועלן זען ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם.

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שלמה יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **נחמן ניישטיין** שליט"א בארא פארק
**השובער מלמד אין אונזערע הייליגע מוסדות**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **שלום אלי' פעלבערבוים** הי"ו קרית ברסלב
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

***

מו"ה **זלמן וויזל** הי"ו בית שמש
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**


## פרייטאג אינדערהיים

**דער יצר הרע זיצט יעדן פרייטאג אין יעדע אידישע שטוב, זיכער צו מאכן אז די הייליגע שבת ווערט צעשטערט; וואס טוט מען?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 12, 1, 54**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן עס שיקן צו אייך אהיים בעז"ה**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >